# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

40

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
תל־אָביב
1961

ק. צעטניק / תל־אָבֿיבֿ

# פֿאַרטיידיקער, איך באַשולדיק דיך!

„צי ביסטו אַדאָלף אײַכמאַן, זון פֿון אַדאָלף קאַרל אײַכמאַן?״ — פֿרעגט דער אַבֿ־בית־דין אין ירושלים. הינטער אים שימערירט די זיבנרעריקע מנורה.

אַקעגן איבער, אין אַ גלעזערנעם סלאָי, שטייט דער ספֿינקס — דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

„...מיטן ציל צו פֿאַרטיליקן אַ גאַנץ פֿאָלק... אוישוויץ... Cyklon B... מיליאָנען אין קרעמאַטאָריע... כעלמנאָ... סאָבּיבאָר... טרעבלינקע... מײַדאַנעק...״ — לייענט דער אַבֿ־בית־דין ווי פֿון אַ בריוול דעם באַשולדיקונג־אַקט.

איך זיץ צוויי־דרײַ מעטער אָפּגערוקט פֿון סלאָי, כמעט דעם זעלבן מרחק בין איך געשטאַנען אָפּגערוקט פֿון אים דעמאָלט — —

*

אָנהייב 1943.

איך האָב געקראָגן אַ מעלדונג זיך צושטעלן אין געשטאַפּאָ. ס׳איז קיינער קיין מאָל מער ניט צוריקגעקומען נאָך אַן אַרויספֿאָדערונג זיך צושטעלן אין געשטאַפּאָ־הויז אין קאַטאָוויץ. בלויז איין אייינציקן מאָל זענען פֿון דאָרט פֿינף ייִדן צוריקגעקומען, כדי עפֿנטלעך געהאָנגען צו ווערן אין געטאָ אויפֿן פּלעצל פֿון די דרײַ ביימער. אַלע ייִדן זענען דעמאָלט געווען מחויבֿ צו שטיין אַרום־אַרום און קוקן.

איך האָב געקוקט.

יודענראַט־פּאָליציי האָבן אָפּגעריסן נאָענטע פֿון מײַן לײַב אויף דעם גרענעץ־אַרויסגאַנג פֿון געטאָ. זיי האָבן נאָכגעקוקט דער פּלייצע פֿון אַ מענטש וועלכער גייט אויף זײַנע פֿיס צו אַ קבֿר פֿון אומבאַקאַנטע טויטן.

אויפֿן טיש, פֿאַר די אויגן פֿון דרייער, שעף פֿון געשטאַפּאָ אין קאַטאָוויץ, זענען געלעגן מײַנע אויסלענדישע בירגערשאַפֿט־פּאַפּירן. זיי זענען צו אים אָנגעקומען דורך דעם שווייצאַרישן קאָנסולאַט אין בערלין. דרייער האָט ניט געוווּסט וואָס ער זאָל מיט מיר טאָן. מײַן גורל ליגט אויפֿן טיש. שעף פֿון געשטאַפּאָ־אָפּטיילונג „יאָט״ קוקט אין אים.

פּלוצלונג. די טיר הינטער דרייערן עפֿנט זיך. איינער, אַ דײַטש, אַן עלטסטער, דערשײַנט.

איך וועל שוין קיין מאָל ניט קענען אויסמעקן דעם בליק פֿון זײַנע אויגן אײַנגעשטאָכענע אין מײַנע אויגן. אַ סך־אַ סך מאָל, בעת פֿאַרשיידנערליי אומשטאַנדן, איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו קוקן דעם טויט גלײַך אין פּנים, נאָר קיין שום טויט קאָן שוין מער ניט אָפּווישן דעם אַנגסטהיפּנאָז פֿון אָט יענעם בליק. ביז הײַנט ווייס איך ניט צי האָט יענער געקוקט צו מיר דורך זײַנע אויגן, אָדער דורך די אויגנלעכער פֿון דעם טויטן־קאָפּ־עמבלעם וואָס אויף זײַן הוט. ווי לאַנג האָט עס גענומען: אַ רגע? אַן איי־

ביקייט? אָן אַן איינציק וואָרט. בלויז זײַנע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו די פּאַפּירן אויפֿן טיש, וואָס זענען געלעגן פֿאַר דרײַערן. זיי אויפֿגעהויבן אַ ווײַלע, צעריסן, און אַראָפּגעלאָזט אין שמוצפּאַפּיר־קויבער.

מײַן גורל איז דאָרט געלעגן אַ צעריסענער.

אין יענער רגע האָט דרײַער אַ שטרענג־ענערגישן ווײַז געטאָן מיט דער האַנט צו דעם טיר־אַרויסגאַנג. איך בין אַרויס.

ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגלעך? ווי אַזוי בין איך צוריקגעקומען אין געטאָ?

און ווי אַזוי איז מעגלעך אַז איינער אַ קאַצעטניק 135633 זיצט איצט אין ירושלים, צוויי־דרײַ מעטער אָפּגערוקט פֿון — —

ווי אַ ווינט וואָס וויגט געהאַנגענע, איז צו מאָרגנס אַריבער איבערן געטאָ די בשורה: די „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" איז אָנגעקומען —

ווי אַלע, האָב איך אויך ניט געגלייבט, אַז עמעצער וועט פֿון דעם פֿײַער־מבול זיך ראַטעווען. בלײַבן לעבן. אפֿשר דערפֿאַר בין איך שטענדיק געלאָפֿן אין פֿראָנט פֿון סכּנות; זאָלן מײַנע שוואַרצאַפּלען פֿילמירן די בילדער, אפֿשר וועט עמעצער שפּעטער געפֿינען מײַנע אויגן גאַנצע, ניט־צעשטערטע, און אין זיי אַנטפּלעקן אַ לעצטן עדותדיקן גרויל־דאָקומענט.

איך בין געשטאַנען אין אַ טויער אַקעגן איבער דער צענטראַלע פֿון די יודענראַטן אין קאַטאָוויצער געביט. דער ערשטער איז פֿון דאָרט אַרויס יענער, וואָס האָט צעריסן מײַנע אויסלענדישע בירגערשאַפֿט־פּאַפּירן. איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געהערט זײַן נאָמען: אַדאָלף אײַכמאַן.

אַ מיליאָנער, מיט אַ סומע פֿון 6.000.000, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אין קעשענע. ער איז געווען אַ זיכערער מיט אָט דער סומע. זי איז געווען זײַנע. פֿון דעסטוועגן, אַז ער האָט דערזען אויף דער ערד אַ פּרוטה, אַן איין איינציקע פּרוטה: מײַן לעבן, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, זי אויפֿגעהויבן און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע צו די זעקס מיליאָן.

„צי ביסטו אַדאָלף אײַכמאַן, זון פֿון אַדאָלף קאַרל אײַכמאַן?" — —

„— — אָן אַ צאָל משׂא־עשׂאַלאָנען קיין דײַטשלאַנד באַלאָדענע מיטן פֿאַרמעג פֿון די דערמאָרדעטע..." — לייענט ווײַטער דער אַב־בית־דין, ווי פֿון אַ בריוו אַרויס דעם באַשולדיקונגס־אַקט — „צווישן דעם פּערזענלעכן פֿאַרמעג אויך קערפּער־טיילן פֿון די דערמאָרדעטע..." (אויסצואַרבעטן זייף). האָר... (מאַטראַצן און טאַפּעציר־אינדוסטריע) גאָלדענע ציין... פּראָטעזן...

שעה נאָך שעה. שעה נאָך שעה. איך זיץ אין דער ערשטער ריי. אינעם ערשטן טאָג פֿון אײַכמאַן־מישפּט. איך נעם ניט אַראָפּ אויף אַ רגע מײַנע אויגן פֿון אים. און איך זע אים ניט. בשום־אופֿן ניט. איך זע בלויז יענעם. יענער פֿון קאַטאָוויצער געשטאַפּאָ הויז; יענער מיט זײַן בליק אײַנגעשטאָכן אין מיר. ניין! דאָס איז ניט יענער. בשום־אופֿן ניט יענער. דער, אינעם גלעזערנעם געהיל, איז אַ שטערבלעכער מענטש פֿון בלוט און פֿלייש ווי איך, ווי דו. ער טראָגט אַ נעטן טונקעלן אָנצוג וואָס ייִדישע הענט האָבן פֿאַר אים ספּעציעל אויפֿגענייט, ער טראָגט אַ קאָרעקט צוגעפּאַסטן העל־טונקעלן קראַוואַט אויף אַ ווײַסן העמד פֿון דער פֿירמע „תּפֿארת", ער נעמט אַרויס פֿון הויזן־קעשענע אַ ציכטיק־ווײַסן טאַשנטוך, שנײַצט אויס די נאָז, איין מאָל, נאָך אַ מאָל, איך הער בפֿירוש דעם רעשיקן קול פֿון זײַן נאָז־שנײַצערײַ. די מיקראָפֿאָנען פֿירן עס אַריבער צו מיר —

איך, וואָס האָב פֿון 1טן סעפּטעמבער 1939 ביז דעם 22סטן יאַנואַר 1945 זעכציק מאָל אין יעדער מינוט געטרונקען דעם טויט: אַדאָלף אײַכמאַן; איך, וואָס דער ריח פֿון אָט דעם טויט וועט שוין אײביק זיך מישן מיטן בלוטלויף אין מײַנע אָדערן — קוק איצט און זע ווי די הענט דאָרט לייגן מענטשלעך צוריק אַרײַן דאָס ווײַסע נאָזטיכל, ניט ווי פֿריִער אין הויזן־קעשענע, נאָר אין בוזעמטאַש פֿון אָנצוג —

ניין! דער אָ איז ניט יענער! דער אָ — איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

*

„...איך לייג פֿאָר אַז דאָס געריכט זאָל זיך דערקלערן פֿאַר ניט־קאָמפּעטענט צו מישפּטן אַדאָלף אײַכמאַן...“ — רעדט דאָס דײַטשע קול פֿון פֿאַרטיידיקערס מויל אַקעגן דער זיבנרעריקער מנורה אין ירושלים. „...אַדאָלף אײַכמאַן איז אומשולדיק... דײַטשלאַנד פֿון יענער צײַט איז שולדיק, און פֿאַר אָט דער זינד האָט טאַקע דײַטשלאַנד באַצאָלט מיט אַנטשעדיקונג־געלטער...“

פֿאַרטיידיקער! פֿאַרטיידיקער! אין דער געלטסומע וואָס דו באַקומסט פֿון מײַן לאַנד פֿאַר זאָגן אָט די ווערטער געפֿינט זיך אפֿשר אויך מיינער אַ טייל, פּונקט ווי עס איז מעגלעך, אַז די שטול אויף וועלכער דו זיצסט אין דײַן היימלאַנד איז אויסגעבעט מיט די האָר פֿון מײַן לײַב וואָס מען האָט פֿון מיר אָפּגעשוירן אין אוישוויץ.

פֿאַרטיידיקער! פֿאַרטיידיקער! אויב דײַטשלאַנד פֿון יענער צײַט איז שולדיק, וווּ ביסטו דעמאָלט געווען?

*

„...דאָס געריכט וועט ניט זײַן פֿרײַ פֿון נקמה־געפֿילן“ — רעדט מיט געלאַסנקייט ווײַטער דאָס דײַטשע קול פֿון פֿאַרטיידיקער — „היינריך הײַנע זאָגט... דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק זאָגט...“

איך האָב אויפֿגעציטערט. איך האָב געפֿילט, אַז באַלד וועלן מײַנע אויערן דער־הערן דעם פּסוק —

„די נקמה פֿאַר אַ קליין קינד האָט דער שׂטן נאָך ניט באַשאַפֿן“...

קינדער... קינדער אין אוישוויץ... איך זע זיי איצט — —

*

אוישוויץ. 1944.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז דאָס געווען.

אַלע זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון די בלאָקן. אַלע זענען געלאָפֿן צו די דראָטן פֿון הינטערוועג זען דעם גרויסן וווּנדער, דעם נס.

בלאָק־עלטסטע, אָן שטעקנס אין האַנט, זענען געלאָפֿן פֿון בלאָקשטיבלעך צו די דראָטן, שטופּנדיק הענט אין אַרבלען פֿון מאַרינאַרקעס וואָס זיי האָבן אין אײַלעניש געכאַפּט אויף זיך. קוכערס אין ווײַסע שירצן מיט אַרויפֿגעשאַרצטע אַרבל אויף נאַקעטע מוסקולירטע הענט האָבן געלאָזט שטיין די פֿאַרעדיקע קעסלען. שרײַבערס מיט אויס־געפּאַשעטע פּנימער האָבן אַרויסגעאײַלט פֿון שרײַבשטובע; קאַרטאָפֿל־שיילערס מיט שייל־מעסערלעך צווישן שוואַרצע פֿינגער; סוחרים אין מיטן וויכטיקע טראַנזאַקציעס אין דער לאַטרינע — אַלץ האָט געשטראָמט צו די דראָטן פֿון הינטערוועג. און ווי אַ שטראָם וואָס שלעפּט מיט זיך אַלץ מיט, האָבן זיך אויך מיטגעשלעפּט די מוזלמענער. זיי האָבן זיך געדרייט צווישן די לויפֿנדיקע ווי אויסגעהוילטע שטרויען אין ווירבל־

שטורעם. זיי האָבן געקוקט אַרום זיך מיט אויפֿגעריסענע, פֿאַרחידושטע אויגן און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַלע האָבן זיך געשטופּט. אַלע פּנימער זענען געווען געווענדט צום שכנותדיקן לאַגער וואָס אויף דער צווייטער זײַט שטעכלדראָטן. נידעריקע האָבן זיך געהויבן אויף שפּיץ פֿינגער און געקוקט איבער אַקסלען, איבער קעפּ:

— קינדער שפּילן זיך דאָרטן!!... — האָבן מײַלער אין דביקותדיקן עקסטאַז געשעפּטשעט.

— מען האָט זיי געבראַכט פֿון טערעזיענשטאַט!...

— גאַנצע פּרעבלשולן צוזאַמען מיט די דערציִערינס!...

— ייִנגלעך!...

— מיידלעך!...

זיי לויפֿן דאָרט אַרום ווי אויף אַ גרויסן שולפּלאַץ. ייִנגלעך אין הייזלעך, מיידלעך אין קורצינקע קליידלעך. האָר!... אונטערן אוישוויצער הימל — ניט קיין גאָלע שיידל־קעפּ, נאָר האָר!... ברייטע קאָקאַרדע־שלייפֿן אײַנגעפֿלאָכטענע אין שוואַרצע, אין בלאָנ־דע, אין שאַטינענע האָרקעפּלעך; האָר — געפֿלאָכטן אין צעפּלעך; אין קרײַזעלעך; אין „קוקוס". אַ זון האָט אויפֿגעשײַנט איבער אוישוויץ. אויסגעפּאַשעטע פּנימער פֿון זויבער־געקליידטע לאַגער־פּראָמינענטן וואָס צו זייער נאָענטקייט האָט מען זיך ניט געוואַגט דערנענטערן, זענען איצט געשטאַנען אויסגעמישטע מיט געוויינטלעכע העפֿט־לינגס און געגאַפֿט מיט דער זעלבער נאָסער באַגײַסטערונג אין די אויגן ווי פּראָסטע העפֿטלינגס, און זיי, די פּראָסטע העפֿטלינגס, האָבן געקוקט, געקוקט, ווי זיי וואָלטן פּלוצלינג אויך געווען מענטשן. אַלע גלײַך. זיי זענען געשטאַנען צוזאַמען, נאָענט אַ העפֿטלינג לעבן אַ בלאָק־עלטסטן. אחרית־הימים.

יונגע פּרעבליסטינס, מיט זײַדענע זאָקן אויף הויכע שלאַנקע פֿיס, האָבן זיך געיאָגט נאָך קינדער, וועלכע האָבן זיך אין היציקן שפּילגעיעג דערנענטערט צו דער פֿאַרבאָטענער זאָנע לעבן דער שטעכל־מויער. ס.ס.־מענער פֿון וואַכטורעמס האָבן שאָק־לענדיק מיטן ווײַזפֿינגער לעבן זייערע נעז, פֿאָטערלעך געוואָרנט צום קליינוואַרג: „פֿאַרבאָטן!"... די פּרעבליסטינס האָבן אָנגעכאַפּט די קינדערלעך בײַ די הענטלעך, זיי דערווײַטערט פֿון דער פֿאַרבאָטענער זאָנע, און מיט באַשיידענער אָפּהאַרציקער שוועסטער־לעכקייט צוריקגעגריסט צו די מענער־העפֿטלינגס פֿון דער צווייטער זײַט שטעכלדראָט. אויך זיי, די מיידלעך, האָבן זיך געוווּנדערט איבערן אויסטערלישן סורפּריז פֿון אוישוויץ:

מען לעבט דאָ!...

אַ זון האָט זיך אויף אַ מאָל צעשפּריצט איבער אוישוויץ. קינדער האָבן געקלעטערט אויף די שטאַפּלען פֿון שפּיללייטער, און אַרויפֿקומענדיק גאַנץ הויך, זיך צוריק אַ לאָז געטאָן מיט אַ רעש און הוראַ פֿון לאַנגן גליטשברעט, פֿליִענדיק גלײַך אינעם געלן זאַמד אַרײַן ווי אין אַ ווייכן שויס; באַקעטע קינדערפֿיסלעך אונטער קורצינקע קליידלעך האָבן זיך אַנטבלויזט אין ווינטיקן הייב אויפֿן וויגברעט ביז אין בלוי פֿון הימל; אַראָפּ און אַרויף. אַרויף און אַראָפּ. ווען איז דאָס אַלץ דאָרט געוואָרן אויפֿגעשטעלט? פֿון וואַנען האָט זיך דאָס אַלץ דאָרט פּלוצלונג גענומען?

מענער, פֿרויען. זיי דערשײַנען דאָרט פֿון די בלאָקן אַרויס ווי אויף אַ זומער־קאָלאָניע, גאַנצע משפּחות. דאָ און דאָרט דערנענטערט זיך אַ מאַמע צו איר קינד אויפֿן פּלאַץ, וויקלט אויף פֿון פּאַפּיר אַ זיסלעך געבעקס און דערלאַנגט עס צום מויל פֿון אַ קינד, האַלטנדיק דאָס פּאַפּיר ווי אַ שיסעלע אונטער דער גאָמבע, ס'אַ שאָד די ברעקעלעך.

קינדער מאַכן אַ ראָד. פּאַטשן מיט די הענטלעך. אַ מיידעלע טאַנצט אינעווייניק אין ראָד לעבן די פֿיס פֿון די אַרומשטייענדיקע. זי זינגט אַ ליד. — —

ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז דאָס אַלץ געווען.

איצט שטייען דאָרט די טויערן פֿון די בלאָקן ברייט־געעפֿנטע. אינעווייניק איז ליידיק. שטיל. מען זעט ניט קיינעם, קיינער איז דאָרט ניט פֿאַראַן. בלויז אין דער מיט פֿון גרויסן פּלאַץ שטייט נאָך דער שפּיללייטער מיטן גליטשברעט. צו די אויערן רוישט פֿון דאָרט אַהער די שטילקייט. דער אוישוויצער טאָג דרייט זיך דאָרט אַרום פּוסט און פּאַס.

נעכטן האָט מען פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿירט דעם גאַנצן לאַגער. מיט אַ מאָל — אַ גאַנצן לאַגער. אַ גאַנצע נאַכט זענען די אויטאָמאָבילן פֿון דאָרט געפֿאָרן צו דער קרע־מאַטאָריע. מאַמעס מיט טאַטעס צוזאַמען, קינדער צוזאַמען מיט זייערע דערציִערינס. אַלע אין איין נאַכט. ווײַט־ווײַט האָט געשפּילט דער אוישוויצער בלאָז־אָרקעסטער. די טאַצן האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם געוויין פֿון קינדער בײַ דער קרעמאַטאָריע.

ליידיקע בלאָקן. מיט צוויי טעג צוריק זענען זיי געווען פֿול; מיט צוויי טעג צוריק זענען דאָרט געזעסן מענטשן און געשריבן בריוו, אַ גאַנצן טאָג געשריבן בריוו ווי אויף אַ באַפֿעל, צו באַקאַנטע, צו משפּחה, צו פֿרײַנד. איבער גאַנץ אייראָפּע טראָגן זיך איצט די בריוו; בריוו פֿון די טערעזיענשטאַטער. אַלע בריוו מיט דעם זעלבן נוסח:

„אין אוישוויץ לעבט מען!"...

צוליב דעם האָט מען זיי דאָ אַהער געבראַכט, צוליב דעם האָט מען זיי ניט געפֿירט גלײַך פֿון די וואַגאָנען צו דער קרעמאַטאָריע. כּדי זיי זאָלן פֿריִער שרײַבן די בריוו.

איצט איז דאָרט ליידיק. די אָפֿענע בלאָקן לופֿטערן פֿון זיך אַרויס דעם רעש וואָס דאָס אויסנוועלטיקע לעבן האָט דאָרט ווי אַ ריח פֿון זיך אויסגעשיידט. בלויז דער שפּיל־לייטער מיטן גליטשברעט שטייען נאָך אין מיטן פּלאַץ. געל זאַמד, שטיל.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז דאָס געווען. פֿונקציע־לײַט האָבן פּלוצלונג גע־אָטעמט לופֿט פֿון אַ מענטשלעכער וועלט: אוישוויץ איז מער ניט געווען אַ פֿאַרשוווּנדענער פּלאַנעט אינעם חלל פֿון אומקום. אוישוויץ האָט פּלוצלונג צוריק געלאַנדט אויף דער ערד ווי אַ טייל פֿון איר. שטובנדינסט, בלאָק־עלטסטע, האָבן אין זיך אַנטפּלעקט רירנדיקע געפֿילן פֿון מענטשן. זיי האָבן אויפֿגעציטערט. די געפֿילן זענען זיי באַפֿאַלן ווי אַ לופֿט וועלכע זיי האָבן, אַ מאָל, אַ מאָל, געאָטעמט, און שוין געהאַט פֿאַרגעסן דעם ריח דערפֿון.

איצט זענען זיי ערגער ווי פֿריִער. אַ סך ערגער. עס קרענקט זיי פֿאַר וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט נעמען אויף אַ מינוט געפֿאַנגען ווי מוזלמענער פֿון אָפּנאַרערישע אילוזיעס. איצט ווייסן זיי: אוישוויץ איז אַ פּלאַנעט, ווײַט פֿון מענטשלעכער ערד ווי פֿון דער זון. מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן די אַלע וועלכע האָבן זיי געזען אין זייער מינוטיקער שוואַכקייט אַוועק אין קרעמאַטאָריעס. ס'וועט דאָ ניט בלײַבן קיין זכר פֿון אָט דער בושה. און קיינער וועט דאָ ניט וויסן, אַז ס'איז געווען אַ מינוט, ווען בלאָק־עלטסטע האָבן געגלייבט, אַז אוישוויץ איז אַ טייל וואָס געהערט צו דער וועלט.

*

שמש, שרײַ אויס דײַן געשריי: בית המישפּט!!!

ד"ר סערוואַציוס, זון פֿון „יענעם דײַטשלאַנד" — שטיי אויף!

איך באַשולדיק דיך!